# ניט באַטאָג און ניט באַנאַכט

ניט באַטאָג און ניט באַנאַכט —
גען איך מיר אַרויס באַזאַכט;

ניט אויף באַרג און ניט אין טאָל —
שטעהט אַ ווערבע פון אַמאָל.

און אַ נביא'טע אַ גרויסע
איז די ווערבע, אַלצדינג ווייס זי.

בּאַ דער ווערבע וועל איך וועגען
מיין באַשערטען טאַקע פרעגען.

און זי וועט מיר אַלץ דערצעהלען:
צי מיין חתן קומט פון פוילען,

צי פון ליטע, צי פון זשאַמעט?
אַ באַנקיר, צי אַ מלמד?

קומען איז באַשערט צופוס אים,
צי מיט ברענענדיגע סוסים?

און וואָס ברייגנט ער מיר? — כ'וואָלט וועלען
פערל מיט אַ שנור קאַרעלען...

איז ער אַ בלאָנדער? אַ ברונעטער?
נאָך אַ בחור? אַ געגטער?

אפשר גאָר אַן אַלטען אידען?
בין איך, ווערבע, ניט צופרידען!

איך וועל זאָגען: טאַטע, טויט מיך,
נאָר ניט צו דעם שידוך נויט מיך!

אוי, איך וועל דאָס ניט דערהאַלטען:
כ'וויל ניט, טאַטינקע, קיין אַלטען!

*

# ח. נ. ביאליק

כלל-פארלאג

Copyright by Klal-Verlag, Berlin, 1922.

Klal-Druckerei Berlin.